# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:11
מוצאי שב"ק....................9:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........דברי הימים-א' ד'-ה'
בבלי.........................כתובות ג'
ירושלמי..................סנהדרין א'
תוספתא..............מקוואות ד'
רמב"ם..................נזקי ממון ו'


פרשת חקת, י' תמוז, אבות פרק ה', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 45 (560)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה מַלְאָכִים מִקָּדֵשׁ אֶל מֶלֶךְ אֱדוֹם כֹּה אָמַר אָחִיךָ יִשְׂרָאֵל אַתָּה יָדַעְתָּ אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ. מִיר לֶערְנֶען אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט שְׁלוּחִים צוּם קֶענִיג פוּן אֱדוֹם, דֶערְצֵיילְנְדִיג אִים אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין מִצְרַיִם, אוּן וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶערַאטֶעוֶועט פוּן דָארְט, אוּן יֶעצְט בֶּעט עֶר אִים אַז עֶר זָאל לָאזְן דִי אִידְן דוּרְכְגֵיין זַיין לַאנְד.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דִי גַאנְצֶע הַקְדָמָה, אִים צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס דִי אִידְן הָאבְּן אַלְץ מִיטְגֶעמַאכְט אִין מִצְרַיִם, פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ גֶעקֶענְט בֶּעטְן דִי טוֹבָה אַז עֶר וִויל דוּרְכְגֵיין דוּרְכְ'ן לַאנְד אֱדוֹם?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ד', ב') **בַּצָּר** הִרְחַבְתָּ לִּי, דָוִד הַמֶּלֶךְ קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען מִיט דֶעם פָּסוּק, אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה אַלֵיין אִיז זִיכֶער אַלְץ אוֹיךְ דָא עֶפֶּעס אַן הַרְחָבָה, אוֹיסֶער דֶעם וָואס מִיר הָאפְן אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אִינְגַאנְצְן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי צָרָה, קֶען מֶען אָבֶּער אוֹיךְ טְרֶעפְן אִין דִי צָרָה אַלֵיין אַז סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, סְ'וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין פִיל עֶרְגֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אוֹיךְ עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן אִין דִי צָרָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ דָאךְ זַיין פֶּעקֶל צָרוֹת, קֵיינֶעם גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ אָבֶּער גוּט בַּאטְרַאכְטְן, וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר קֶען טְרֶעפְן אוֹיךְ גוּטֶע זַאכְן אִין דִי אַלֶע צָרוֹת, דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען דָאךְ נָאר אוֹיפְצוּוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל, אוּן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת קֶערְט עֶר זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זוֹכֶה סוֹף כָּל סוֹף פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

דֶער כֹּחַ, צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אִין אַלֶע צָרוֹת, קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דָאס לֶעבְן גֵייט זֵייעֶר שְׁוֶוער, דָאס אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער כֹּחַ וָואס נָאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען בַּאשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן מִיט דֶעם, אִידִישֶׁע קִינְדֶער נֶעמֶען אָן בְּאַהֲבָה אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט פַאר זֵיי, אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט לִיבּ, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט שֵׁיידְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל. ווִידֶער דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם הָאבְּן נִישְׁט דֶעם כֹּחַ, וִוי נָאר זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אִינֶעם גוּטְן רִיכְטוּנְג, הוֹיבְּן זֵיי אָן שֶׁעלְטְן אוּן שִׁימְפְן, זֵיי שֶׁעלְטְן אֲפִילוּ זֵייעֶרֶע אָפְּגֶעטֶער, וַוייל זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט דֶעם כֹּחַ צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי צָרוֹת.

חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.) אַז לְעָתִיד לָבוֹא וֶועלְן דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם בֶּעטְן שְׂכַר אַזוֹי וִוי דִי אִידְן, וֶועט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְפְּרוּבִּירְן מִיט דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן שׁוֹין זִיצְן אִין דִי סוּכָּה וֶועט וֶוערְן גָאר הֵייס, אוּן זֵיי וֶועלְן שְׁטוֹיסְן דִי סוּכָּה אוּן אַרוֹיסְגֵיין. דַאן וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶער חִילוּק צְווִישְׁן אַ אִיד אוּן אַ גוֹי, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אִיד מוּז אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי סוּכָּה צוּלִיב הִיץ אָדֶער רֶעגְן, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין מִיט הַכְנָעָה, אוּן וַוארְטְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ קֶענֶען שׁוֹין צוּרִיקְגֵיין, אָבֶּער אַ גוֹי שְׁטוֹיסְט אוּן שֶׁעלְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

רַשִׁ"י זָאגְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זָאגְן פַארְ'ן קֶענִיג פוּן אֱדוֹם כֹּה אָמַר אָחִיךָ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי בְּרִידֶערְשַׁאפְט צְווִישְׁן זֵיי, כְּדֵי אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט אֱדוֹם אוֹיךְ גֶעדַארְפְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם חוֹב פוּן כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ (בְּרֵאשִׁית ט"ו, י"ג), דֶערְפַאר זָאל עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אַז דִי אִידְן בַּאקוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר זִיךְ, אוּן עֶר זָאל כָאטְשׁ אַזוֹיפִיל אַרוֹיסְהֶעלְפְן צוּ לָאזְן דִי אִידְן אַרִיבֶּערְגֵיין זַיין לַאנְד.

מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען מֶען עֶס נָאךְ מֶער פַארְשְׁטֵיין, אַז דִי גוֹיִם וָואלְטְן קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּנְטֶערְנֶעמֶען מְקַיֵּים צוּ זַיין

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ וֶועג אַרוֹיס

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַ צָרָה, אִין אַ שְׁוֶועריִקְייט, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג אַרַיין צוּם פְּרָאבְּלֶעם, אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם. דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן קְלֶערְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, עֶס אִיז אַלֶעמָאל דָא אַ וֶועג אַרוֹיס.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְן, סַיי וָואס מֶען וֶועט נָאר וֶועלְן טוּן אוּן אוֹיסְפִירְן, וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין אוֹיף דֶעם שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָאס לֶעבְן גֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְלַאטִיג, עֶס מַאכְן זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטֶערוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, דֶער עִיקָר חָכְמָה אִין לֶעבְן אִיז צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס הַאנְדְלֶען. אוּן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע רָצוֹן, מִיט אַן אֱמֶת'ן ווִילְן, קֶען מֶען אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שְׁוֶועריִקְייטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אוֹיף וִויפִיל זַיינֶע כּוֹחוֹת קֶענֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

אֱמוּנָה אִיז דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער, אֱמוּנָה וֶוערְט צֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי חֲלָקִים:

דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע - אִיז צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דִי וֶועלְט הָאט אַ בַּעַל הַבַּיִת, אֵיינֶער פִירְט אַלֶעס; דֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעט נִישְׁט אוּן פַּאסִירְט נִישְׁט, נָאר דוּרְךְ אִים. אַז עֶס קוּמְט קָארָאנֶע, אִיז דָאס פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער; אַז דִי פְּרַייזְן הֵייבְּן זִיךְ, אִיז דָאס פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער; אַז עֶס קוּמֶען הֵייסֶע טֶעג, אִיז דָאס פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער; אַז עֶס קוּמֶען שְׁטוּרֶעם וִוינְטְן, צוּנַאמִיס, מִלְחָמוֹת, אַלֶעס אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק, רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן צַדִּיקִים; דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן אַלֶע צַדִּיקִים.

דִי דְרִיטֶע חֵלֶק אִיז אֱמוּנָה אִין זִיךְ; הֵייבְּט אוֹיף דִי קִינְדֶער, בּוֹיט זֵיי אוֹיף, נֶעמְט דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען בַּיי זִיךְ צֶעקְלַאפְּט אוּן בּוֹיט זֵיי אוֹיף. וֶוען קִינְדֶער זָאגְן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט", זָאלְט אִיר זֵיי זָאגְן: "קוּק, דוּ קֶענְסְט יָא; לָאמִיר פְּרוּבִּירְן"; דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ מְחַנֵּךְ וָואס בּוֹיט זֵיי אוֹיף. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# זוּךְ גוּטְס אִין דַיין קִינְד, וֶועט זִי וֶוערְן צוּרִיק עֶרְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹי וֶויי, ווִי שְׁרֶעקְלִיךְ אִיז דַיין וֵוייטָאג; ווִי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע וֵוייטָאג פַאר אַ טַאטֶע מַאמֶע צוּ זֶען ווִי אַ קִינְד קִילְט זִיךְ אָפּ פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג? עֶס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע צַעַר אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיז פַּארְהַאן.

דָאךְ ווִיל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, ווִיסְן זָאלְסְטוּ, בַּיי דַיין פַּאל אִיז דָאס נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים, מֶען קֶען דָאס נָאךְ רַאטֶעוֶוען, עֶס אִיז תָּלוּי אִין דִיר אוּן דַיין וַוייבּ.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ זוּכְן גוּטֶע זַאכְן בַּיי דַיין טָאכְטֶער, אַנְשְׁטָאט זוּכְן אוּן נִישְׁטֶערְן אוֹיבּ זִי הִיט שַׁבָּת - זָאלְסְטוּ זוּכְן גוּטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), וֶוען מֶען זוּכְט גוּטֶע זַאכְן, אֲפִילוּ יֶענֶער זָאל זַיין אַ רָשָׁע, וֶועט מֶען יֶענֶעם קֶענֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּ זַיין אַ צַדִיק - דוּרְךְ קוּקְן גוּטְס אִין יֶענֶעם; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן אִין סִימָן רפב.

פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ מוֹצָאֵי שַׁבָּת נָאכְקוּקְן דַיין טֶעלֶעפָאן פָּשׁוּט זֶען אוֹיבּ זִי הָאט שַׁבָּת גֶעטֶעקְסְט וְכוּ'? עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זוּכְן אִין אִיר גוּטְס, זִי זָאל שְׁפִּירְן ווִי מֶען הַאלְט פוּן אִיר, ווִי זִי אִיז חָשׁוּב.

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז זִי הִיט שַׁבָּת בְּגָלוּי; עַל פִּי הֲלָכָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין דִין פוּן אַ מְחַלֵל שַׁבָּת נָאר וֶוער עֶס אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת בְּפַרְהֶסְיָא, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ זוּכְן אוּן נִישְׁטֶערְן צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס? זִי שְׁפִּירְט זִיכֶער אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט רוּאִיג מִיט אִיר, אַ קִינְד שְׁפִּירְט אוּן וֵוייסְט פוּן אוֹיסְנֶוויינִיג וָואס דִי עֶלְטֶערְן הַאלְטְן פוּן אִים אָדֶער אִיר; דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, זִי זָאל שְׁפִּירְן ווִי זִי אִיז חָשׁוּב.

צְוֵוייטְנְס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַ נֵס עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִיר אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט, זִי זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, זִי זָאל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה; תְּפִילָה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן יֶעדֶע זַאךְ, תְּפִילָה טוּישְׁט דִי טֶבַע, תְּפִילָה אִיז לְמַעֲלָה מִדֶרֶךְ הַטֶבַע, וָואס מֶען פּוֹעֶלְ'ט מִיט תְּפִילָה - קֶען מֶען נִישְׁט פּוֹעֶלְ'ן דוּרְךְ קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע וֶועג; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה בְּקָרוֹב.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ב)

<<<<<< א ווארט אויף די פרשה

דֶעם חוֹב צוּ לַיידְן גָלוּת, וַוייל זֵיי וָואלְט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי שְׁוֶועריקֵייטְן, נָאר דִי אִידְן, וָואס טְרֶעפְן אַלְץ דִי הַרְחָבוֹת אִין דִי צָרוֹת, זֵיי וֵוייסְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן צָרוֹת אִיז עֶס זִיכֶער נָאר אַ טוֹבָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט מִיטְמַאכְן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין, אֲפִילוּ וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן צָרוֹת, זָאלְן מִיר גֶעדֶענְקֶען צוּ זוּכְן דִי טוֹבוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז, דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר בַּאקוּמֶען, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, מִיר וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מִיר גֵייעֶן אַלְץ אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן, מִיר וֶועלְן זַיין אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן ס'וֶועט אוּנְז גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל חֻקַּת תשס"ה)

<<<<<< מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דֶערְהֵייבְּן. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אַ גֶעווִיסֶע שְׁוֶועריקֵייט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טַאקֶע דִי כּוֹחוֹת דָאס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען. וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, גֵייט שׁוֹין דָאס לֶעבְּן פִּיל גְרִינְגֶער.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דֶערוֹיף אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד. וֶוען מֶען ווִיל אָנְרֵייצְן אַ קִינְד אַז עֶר זָאל וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט מֶען אִים עֶס וַוייזְן אוּן נָאכְדֶעם עֶס גְלַייךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל נָאךְ מֶער וֶועלְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן צוּ בַּאקוּמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר ווִיל צוּקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּמָאל בַּאהַאלְטְן, עֶר וֶועט אִים אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן שְׁוֶועריקֵייטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן דָאס וֶועט נָאךְ מֶער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן בַּאקוּמֶען. אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן זַיין רָצוֹן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט עֶר דוּרְכְבְּרֶעכְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין אִיבֶּער אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ זַיין צִיל. דִי "מְנִיעוֹת", דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, וֶועלְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ "נְעִימוּת", צוּ אַ זִיסְקֵייט.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהַרָא"ש אַ אִיד זִיךְ צוּ דוּרְכְרֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיבֶּער אַ גֶעווִיסֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט דוּרְכְפִירְן, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן פְרַייטָאג פַּרְשַׁת וַיֵרָא, מוֹהַרָא"ש הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן עֶר הָאט פוּנְקְט גֶעהַאלְטְן בַּיים פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כ"ב, ד') "וַיַרְא אֶת הַמָקוֹם מֵרָחוֹק", דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵידָה, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם פְּלַאץ פוּן דֶער וַוייטְנְס, זָאגְט רַשִׁ"י ווִי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער פְּלַאץ אִיז? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַ וָואלְקְן אוֹיפְ'ן בַּארְג.

הָאט מוֹהַרָא"ש גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָשׁ דֶער עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְּרָאבְּלֶעם. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין? וֶוען מֶען זֶעט דָארְט אַ וָואלְקְן, מֶען זֶעט אַז דֶער וֶועג צוּם פְּלַאץ אִיז פַּארְוָואלְקְנְט אוּן פַּארְנֶעפְּלְט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט גְלַייךְ אוּן גְלַאטִיג, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּנֶעם וָואלְקְן, אוּן דַאן אִיז מֶען מַצְלִיחַ אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיל.

## יֶעדֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל דֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט, וַוייל זֵיי קְלֶערְן אַז עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער, זֵיי הָאבְּן צוּפִיל שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, וֶועט עֶר טְרֶעפְן וֶועגְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי שְׁוֶועריקֵייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ו) אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער דֶער וָוארְט "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גְנֵיבָה", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אִיבְּרִיג צַייט, אָבֶּער הָאסְטוּ כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּ'גַנְבְ'עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט פַאר תּוֹרָה?

חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לה:) "הִלֵל מְחַיֵיב אֶת הָעֲנִיִים, רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם מְחַיֵיב אֶת הָעֲשִׁירִים, יוֹסֵף מְחַיֵיב אֶת הָרְשָׁעִים" - דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר פַארְעֶנְטְפֶערְט זִיךְ פַּארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ אָרֶעם, אָדֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ רַייךְ אוּן פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זָאגְט מֶען אִים אַז עֶר זָאל קוּקְן דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן.

הִלֵל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, ווִי דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ גֶעבְּן פַארְ'ן שׁוֹמֵר פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יוֹסֵף הַצַדִיק וָואס הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּמְט אוֹיס אַז דִי צַדִיקִים זֶענֶען מְחַיֵיב יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז וֶוער עֶס הָאט זִיךְ יָא אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי סָארְט תֵּירוּצִים, וֶועט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ (מִשְׁלֵי יז) "גַּם עָנוֹשׁ לַצַדִיק לֹא טוֹב", אַ צַדִיק זוּכְט נִישְׁט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן מֶענְטְשְׁן, עֶר זוּכְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ דוּרְךְ אִים. אוּן דָא זָאגְן חֲזַ"ל אַז דִי צַדִיקִים וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין תּוֹרָה.

נָאר מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן יֶענֶע וֶועלְט,

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן "אָהּ סִי דִי" (OCD) פְּרָאבְּלֶעמֶען?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער אוֹיף מַיין שְׁאֵלָה ווִי אַזוֹי גְרִינְגֶער אֵיינְצוּשְׁלָאפְן, אִיךְ שְׁפִּיר טַאקֶע אַסַאךְ רוּאִיגֶער זַייט אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי תְּשׁוּבָה, אָבֶער אִיךְ ווִיל שְׁרַייבְּן אִיבֶער נָאךְ אַ זַאךְ וָואס פַּיינִיגְט מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

יֶעדֶע נַאכְט אֵיידֶער אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן הָאבּ אִיךְ אַ גֶעפֶערְלִיכֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אִיבֶּערְצוּקוּקְן דִי גַאנְצֶע הוֹיז אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג, אִיבֶּערְקוּקְן דִי קִינְדֶער אַז זֵיי שְׁלָאפְן פַארְזִיכֶערְט, אִיבֶּערְקוּקְן דִי פֶּענְסְטֶער צִי זֶענֶען גוּט פַארְמַאכְט, סְפֶּעצִיעֶל בַּיי דִי גֶעז, דָארְט אִיז עֶס מַמָּשׁ גֶעפֶערְלִיךְ, אִיךְ קוּק אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט אָנְגֶעצִינְדֶען. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ לַחַץ אַז אִיךְ מוּז גֵיין שְׁלָאפְן פַאר מַיין וַוייבּ, ווַייל אַזוֹי שְׁפִּיר אִיךְ רוּאִיגֶער אַז זִי ווֶעט עֶס אִיבֶּערְקוּקְן נָאכְאַמָאל אֵיידֶער זִי גֵייט שְׁלָאפְן. אוּן אוֹיבּ קוּם אִיךְ אַרוֹיס פוּן בֶּעט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, גֵיי אִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין קָאךְ, כְּדֵי אִיךְ זָאל עֶס נִישְׁט דַארְפְן אִיבֶּערְקוּקְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אֵייבִּיג אַז אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה גֵייעֶן אַוֶועק דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָא שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶער אַז עֶס אִיז מֶער ווִי נָאר חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, אִיךְ פִּיל ווִי אִיךְ לַייד אוֹיף דִי נֶערְוֶוען. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן מִיט דִי סָארְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; ווִי מֶער מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דִי סָארְט מַחְשָׁבוֹת - ווֶערְן זֵיי נָאר שְׁטֶערְקֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב): כִּי זֶה טֶבַע וּסְגֻלַּת שֶׁל אֵלּוּ הַיְצָרִין הָרָעִים הַמְזֹהָמִים, אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּצִיגֶע יֵצֶר הָרָע, כָּל מַה שֶּׁרוֹצִים לְהִתְגַּבֵּר עַל אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת, ווִי מֶער מֶען ווִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי, יוֹתֵר וְיוֹתֵר הֵם מִתְגַּבְּרִים שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ שְׁטֶערְקֶער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, כִּי הוּא כְּמוֹ שֶׁאָדָם בּוֹרֵחַ מִדָּבָר, דִי מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי ווִי ווֶען מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אֵיינֶעם, וּמִסְתַּכֵּל מִן הַצַּד כִּלְאַחַר יָד עַל זֶה הַדָּבָר שֶׁבָּרַח מִמֶּנּוּ, אוּן מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף יֶענֶע זַאךְ פוּן וָואס מֶען לוֹיפְט אַוֶועק, וַאֲזַי הַדָּבָר הַזֶּה מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר, דֶעמָאלְט ווֶערְט יֶענֶע זַאךְ שְׁטֶערְקֶער, כִּי לֹא הִסִּיחַ דַּעְתּוֹ מִזֶּה, ווַייל ווֶען יֶענֶער זֶעט ווִי מֶען קוּקְט צוּרִיק - זֶעט עֶר אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, דָאס מַאכְט אִים עֶר זָאל ווַייטֶער נָאכְלוֹיפְן, רַק אַדְּרַבָּא, שֶׁמִּסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם לַאֲחֲרָיו עַל זֹאת הַמַּחֲשָׁבָה, אַדְרַבָּה, זֵיי ווֶערְן נָאר שְׁטֶערְקֶער ווֶען זֵיי זֶעעֶן ווִי מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף זֵיי; אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, ווִי מֶער מֶען ווִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי - ווֶערְן זֵיי שְׁטֶערְקֶער.

דִי אַלֶע וָואס לַיידְן נֶעבֶּעךְ פוּן דִי יֵצֶר הָרָע וָואס רוּפְט זִיךְ "אָהּ סִי דִי" (OCD) - אוֹיף זֵיי אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז זֵיי, אוֹיךְ אוֹיף דִי וָואס לֶעבְּן מִיט אַזַא אֵיינֶעם - אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער. דָאס הֵייסְט אַ פְרוֹי וָואס אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ מַאן וָואס פַּיינִיגְט זִיךְ מִיט דִי מַחְשָׁבוֹת, אָדֶער פַארְקֶערְט, אַ מַאן וָואס זַיין ווַייבּ פַּיינִיגְט זִיךְ מִיט דֶעם יֵצֶר הָרָע - זֵיי אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, ווַייל דִי מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן ווִיבַּאלְד מֶען ווֵייסְט נִישְׁט דִי זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי מַחְשָׁבוֹת, ווַייל עֶס ווֶערְט נָאר עֶרְגֶער - פַּאסִירְט דָאס אַז מֶען פַּיינִיגְט זִיךְ אוּן מֶען לַיידְט שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים, ווַייל מֶען שְׁטוּפְּט זֵיי אַוֶועק אוּן זֵיי קוּמֶען צוּרִיק, אוּן מֶען שְׁטוּפְּט זֵיי נָאכְאַמָאל אַוֶועק אוּן זֵיי קוּמֶען צוּרִיק, אוּן ווֶען זֵיי קוּמֶען צוּרִיק אִיז דָאס אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער ווִי פְרִיעֶר - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. דִי עֵצָה פַאר דֶעם יֵצֶר הָרָע אִיז 'זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן, נִישְׁט זוּכְן צוּ עֶנְטְפֶערְן דִי מַחְשָׁבוֹת'. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶער בְּרוּדֶער, ווֶען עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין אַזַא נֶעגַאטִיוֶוע מַחְשָׁבָה - לָאז עֶס לוֹיפְן, גֵיי נִישְׁט קוּקְן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז גוּט, נָאר לָאז עֶס לוֹיפְן, טְרַאכְט 'עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן'; ווַייל ווִי מֶער מֶען עֶנְטְפֶערְט דִי מַחְשָׁבָה - קוּמֶען זֵיי צוּרִיק שְׁטֶערְקֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה; זַיי פְרֵיילִיךְ, הֶער לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים, פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, טַאנְץ אוּן זִינְג, טוּ אַלֶעס וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: גַּם עַצְבוּת הוּא מַזִּיק מְאֹד וְנוֹתֵן כֹּחַ לְזֶה הַיֵּצֶר הָרָע הָעֶבּ הַגַּשְׁמִי, זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט אִיז זֵייעֶר מְסוּכָּן פַאר דִי זַאךְ, עֶס מַאכְט שְׁטֶערְקֶער דִי מַחְשָׁבוֹת, אוּן פַארְקֶערְט, שִׂמְחָה, פְרֵיילִיכְקֵייט - נֶעמְט אַוֶועק דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶס צֶעבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרָע. עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט אַסַאךְ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב) אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, וֶועסְטוּ אוֹיסְגֶעהֵיילְט ווֶערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, זָאלְסְט הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן אַ רֵיינֶע הַארְץ וָואס טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי רְפוּאָה פַאר "אָהּ סִי דִי" (OCD). אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): יֵלֵךְ אֵצֶל חָכָם הָאֱמֶת, מֶען זָאל גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וְיוֹרֶה לוֹ דַּרְכֵי הַתְּשׁוּבָה, דֶער צַדִּיק ווֶעט אִים לֶערְנֶען ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, דַּרְכֵי הַחָכְמָה, עֵצוֹת נְכוֹנוֹת, עַל כָּל דָּבָר, עֶר ווֶעט אִים לֶערְנֶען גוּטֶע עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אָז יִכָּנַע לְבָבוֹ הֶעָרֵל, וְשָׁב וְרָפָא לוֹ, אַזוֹי ווֶעט עֶר ווֶערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט; דֶער רֶבִּי אִיז דֶער חָכָם הָאֱמֶת וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה פוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוֹיף אֱמוּנָה; הִתְבּוֹדְדוּת רֵיינִיגְט אוֹיס פוּן דִי יֵצֶר הָרָע.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם חָכָם הָאֱמֶת, אָז יִכָּנַע לְבָבוֹ הֶעָרֵל, וְשָׁב וְרָפָא לוֹ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט >>>>>>

נָאר מֶען רֶעדְט טַאקֶע נָאךְ דָא אוֹיף דֶער ווֶעלְט. דֶער וָוארְט "מְחַיֵּיב" קֶען מֵיינֶען אַז זֵיי מַאכְן דֶערְפוּן אַ "מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) הִלֵל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ ווֶועג אוּן גֶעוִויזְן פַאר יֶעדְן אַז אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ מוּסְטֶער צוּ ווַייזְן אַז אֲפִילוּ אַ פַארְנוּמֶענֶער עוֹשֶׁר הָאט אַ ווֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט דֶערְקְלֶערְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אוּן פוּן זֵיי דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אָפְּלֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ ווֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ ווֶועג אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מֶען קֶען אַמָאל טְרַאכְטְן אַז נָאר יֶעצְט זֶענֶען דָא דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, שְׁפֶּעטֶער ווֶעט שׁוֹין אַלֶעס זַיין מְסוּדָר, עֶס ווֶעט אַלֶעס זַיין גוּט אוּן גְלַאטִיג, אוּן דֶעמָאלְט ווֶעט מֶען זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

אַ בָּחוּר טְרַאכְט אַז יֶעצְט הָאט עֶר טַאקֶע אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן, אָבֶער ווֶען עֶר ווֶעט חֲתוּנָה הָאבְּן ווֶעט עֶר זַיין גֶעהֶעריִג מְסוּדָר, אוּן דַאן ווֶעט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין. ווֶען עֶר הָאט אָבֶער חֲתוּנָה זֶעט עֶר אַז עֶרְשְׁט דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן, אוּן דַאן ווִיל עֶר עֶס אָפְּלֵייגְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער ווֶען זַיינֶע קִינְדֶער ווֶעלְן שׁוֹין גְרוֹיס ווֶערְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר ווַייטֶער שְׁוֶועריִקֵייטְן טַאקֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר קְלֶערְט אַז נָאכְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער, ווֶעט עֶר שׁוֹין הָאבְּן אַ רוּאִיגְקֵייט, אָבֶער דֶעמָאלְט קוּמֶען אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער כְּלַל אִיז: אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֵייבִּיג נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין, עֶר קֶען אֵייבִּיג אוֹיסְפִירְן אַלֶעס וָואס עֶר ווִיל אֱמֶת'דִיג טוּן, סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת. אָבֶער אַלֶעמָאל ווֶעלְן אוֹיךְ אוּנְטֶער קוּמֶען שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן ווֶועג, אוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט אַ ווֶועג אַרוֹיס, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף. דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן ווֶעט אַלֶעס זַיין גוּט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ מְנִיעוֹת)

## סימן טוב ומזל טוב
## יהא לנו ולכל ישראל

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די געוואלדיגע חיזוק שיעורים, דרשות, און בריוו; וואונטשן מיר א הארציגע ברכת מזל טוב פאר'ן חשוב'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

### צו די אפשערן פון זיין זון מענדל נ"י למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

### מו"ה **שמעון עוזר פערל** שליט"א **וזוגתו** תחי'

### צו די שמחת החתונה פון זייער טאכטער עב"ג למזל טוב

**ר' שמעון עוזר מיט זיין משפחה** זענען די רוקנביין פון היכל הקודש אין ירושלים, וואו זיי העלפן ארויס און שטעלן צו אלעס וואס פעלט זיך, ובפרט דרוקן, צוגרייטן, איבערטייטשן, אויסשטעלן, די הייליגע ספרים און קונטרסים, וועכנטליכע גליונות, וואס ווערן איבערגעזעצט אויף לשון הקודש, להחיות בהם נפש כל חי. עס איז נישט מעגליך צו ציילן און רעכענען זייער פילע זכותים, וויפיל צענדליגע טויזנטער אידן זיי האבן שוין געראטעוועט און געשטעלט אויף די פיס ברוחניות ובגשמיות. זאל דער אייבערשטער העלפן אז די אלע זכותים זאל זיי ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת געזונטערהייט, דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יצחק יונה זאבעל** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

החתן **נפתלי גאלד** הי"ו

צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "קול ברסלב" לאקאלע נומערן פאר בעלגיע און ארגענטינא

די ליניעס פונעם טעלעפאן ליין "קול ברסלב" ווערן פארפלייצט טאג טעגליך מיט צענדליגע טויזנטער רופן פון איבער די גאנצע וועלט, פון אידן וועלכע ווילן שעפן חיזוק און עצות פון הייליגן רבי'ן. די פילע אפטיילונגען אויפ'ן ליין, די פילע דרשות, שיעורים, שיעורי התורה, שיעורי התחזקות, ניגונים, פערזענליכע געשיכטעס, מעשיות פון תפלה, אינטערסאנטע אינטערוויוס, קינדער אפטיילונג, שיעורים מיטצוזאגן ובלכתך בדרך, ווי אויך די באזונדערע ליין "קוואל פון חיזוק" פאר פרויען און מיידלעך וואס איז פול מיט גאר אינהאלטספולע אינטערעסאנטע אפטיילונגען, און נאך פיל מער; זענען א קוואל פון לעבן פאר אזויפיל אידן וואס זוכן אביסל ליכטיגקייט און ווארעמקייט, זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן און צו מצליח זיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

פילע פארלאנגען קומען כסדר אריין פון אידן אין פארשידענע לענדער איבער די וועלט וואס זענען זיך מחי' מיט די טעלעפאן ליניעס, אבער עס קאסט זיי פיל געלט צו קענען רופן די נומערן אויף אמעריקא, און זיי בעטן מען זאל זיי צושטעלן באזונדערע לאקאלע נומערן אין זייערע לענדער עס זאל זיי זיין גרינגער אנצוקומען צו די הערליכע זאכן אויפ'ן ליין.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט א חשובער נדבן אויסגעצאלט דאס צושטעלן פרישע לאקאלע נומערן אין בעלגיע און ארגענטינא, פון וואו עס קומט לעצטנס אריין גאר אסאך רופן צו "קול ברסלב", דאס איז אין צוגאב צו די לאקאלע נומערן וואס איז שוין דא ביז יעצט אין אמעריקא, א באזונדערע נומער פאר אפסטעיט ניו יארק, ארץ ישראל, ענגלאנד, און קאנאדא.

די לאקאלע נומערן אין בעלגיע זענען "קול ברסלב" 3235003461, "קוואל פון חיזוק" 3235003462. די נומערן אין ארגענטינא זענען "קול ברסלב" 541152354370, "קוואל פון חיזוק" 451152354380. מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס פיל פארגרינגערן פאר די ארטיגע אידן זיך צו קענען מחי' זיין מיט'ן לויטערן קוואל פון הייליגן רבי'ן.

עס קומען כסדר אריין פילע דאנק מעסעזשעס פון אידן וואס זייער לעבן איז אויפגעראכטן געווארן א דאנק די טעלעפאן ליניעס. פון די גאר ברייטע אויסוואל פון אזויפיל אינטערעסאנטע אפטיילונגען אויפ'ן ליין, איז דא גענוג פאר יעדן איינעם צו טרעפן זיין ווינקל פון וואס ער האט די מערסטע הנאה, און וואס איז אים מחזק און געבט אים מוט צוריק צו קומען צום אייבערשטן אין אלע אומשטענדן. אויב האט איר נאכנישט אויספראבירט דעם ליין, איז יעצט די צייט דאס צו טון, איר וועט זיך מחיה זיין מיט יעדע אויסוואל באזונדער, און האבן א געוואלדיגע ניצן דערפון אין אלע אספעקטן אין לעבן. די לאקאלע נומערן פון אלע געגנטער קען מען זען יעדע וואך ביים סוף פונעם גליון.

**שמעו ותחי נפשכם!**

***

# חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי

דעם פארגאנגענעם מאנטאג קרח איז פארגעקומען די שיינע "חומש סעודה" אין די חדר אין ברסלב ליבערטי, נאכדעם וואס א טאג פריער, אום זונטאג, איז פארגעקומען די חומש סעודה אין תלמוד תורה אין וויליאמסבורג. די זיסע קינדערלעך פון כיתה א' האבן געפייערט דעם פרייליכן מסיבת "חומש סעודה", ווען זיי האבן זוכה געווען צו ענדיגן לערנען די הייליגע עברי, און זיי הויבן שוין אן לערנען אין די הייליגע חומש.

די הערצער פון די פילע עלטערן, זיידעס און באבעס, וואס זענען זיך געקומען משתתף זיין ביים שיינעם חומש סעודה זענען געווען איבערגעפילט מיט ווארעמקייט און נחת זעענדיג די זיסע ריינע נשמה'לעך מיט די קרוינדעלעך אויף זייערע קעפעלעך זינגען אזוי זיס און הארציג די הייליגע ניגונים, און זאגן די הייליגע פסוקים פון פרשת ויקרא, ווי דער מנהג איז ביים מעמד התחלת חומש. הר"ר יוסף שניטצלער שליט"א האט אויפגעטרעטן און זיך באדאנקט אין נאמען פון די מוסדות פאר'ן חשובן מלמד הר"ר בערל שניצלער שליט"א וואס האט אריינגעארבעט גאר אסאך כחות די גאנצע יאר, ווי מען זעט ווי די גאנצע כיתה קען ברוך השם די עברי זייער פיין.

דערנאך האט מען ארויפגערופן א יידע איינע פון די קינדער, הר"ר אהרן וועבערמאן שליט"א, וואס האט ארויסגעברענגט די ריינע און שטארקע אמונה וואס מ'לייגט אריין אין די קינדער, וואס דאס וועט זיי בעזר השם באגלייטן זייער גאנץ לעבן, ווען זיי וועלן אלץ מקיים זיין דעם שויתי ה' לנגדי תמיד, אלץ וועלן זיי וויסן אז דער באשעפער איז ביי זיי, מיט זיי און נעבן זיי, און אלץ וואס מען דארף קען מען אים און דארף מען אים בעטן.

דער שטעטל קרית ברסלב האט זיך גאר שיין און גרויס פארברייטערט אין די קורצע צייט פון איר עקזיסטענץ, פילע משפחות ציען זיך כסדר אריבער צו דעם הייליגן שטעטל, וואו מען לעבט מיט'ן אייבערשטן און מען אטעמט אמונה, וואס דאס ברענגט אויטאמאטיש א רואיגקייט און צופרידנהייט וואס זעט זיך אן אויף יעדן פון קליין ביז גרויס.

אינאיינעם מיט די בליענדע וואוקס פונעם שטעטל, צוואוקסט זיך אויך די ארטיגע מוסדות אויף גאר א שנעלער ראטע, ווי די קינדער לערנען און דאווענען און לעבן מיט'ן אייבערשטן, די שטאב פון גאר ספעציעלע חשובע מחנכים געבן זיך אפ מיט יעדעס קינד באזונדער, זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן יראי ה'. דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן די קינדער זאלן וואקסן און בליען מיט תורה ויראת שמים.

**אין העולם מתקיים אלא בזכות הבל תינוקות של בית רבן!**

## מעשיות פאר קינדער

**הערליכע מעשיות, שיין און דראמאטיש דערציילט, מיט א טיפע און שיינע מוסר השכל, דערציילט פאר קינדער דורך חשובע מלמדים**

## קול ברסלב

## 212-444-9191

**1, 7, 3**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

## 347-509-4908

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 541152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 541152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**